**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/17/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 2.5 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן צענטער פאר גלאז ערפינדונגען צו שטיצן מיסט רעדוקציע פארשונג

***נאך פינאנצירונג צו שטיצן פארשונג פון נייע גלאז פראדוקציע און איבערנוצן גלאז ביי ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס אין אלפרעד אוניווערסיטעט***

***בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס אקאדעמישע שותפות'ן און אמביציעזע איניציאטיוון צו רעדוצירן מיסט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט סטעיט אינוועסטירונגען צו פארשטערקערן די לאנד'ס-פירנדע צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס (New York State College of Ceramics, NYSCC) אין אלפרעד אוניווערסיטעט צו פארברייטערן די ריסייקלינג מארקעטס און העלפן לאקאלע ריסייקלינג פראגראמען צו טרעפן נייע וועגן צו ריסייקלען און איבערנוצן גלאז. נאך 2.5 מיליאן דאלאר זענען צוגעלייגט געווארן צו די 1.7 מיליאן דאלאר וועלכע זענען שוין צוגעטיילט געווארן פאר די צענטער'ס אנגייענדע ארבעט אויף גלאז פראדוקציע, ריסייקלינג און איבער-באנוץ.

"ניו יארק זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו שריט פאר די קלימאט, און פארברייטערן אונזערע ריסייקלינג מארקעטס איז א הויפט טייל פון אונזערע באמיאונגען צו בויען א גרינערע סטעיט פאר יעדן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די שותפות מיט די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס וועט פאראויס שטופן אונזערע באמיאונגען צו רעדוצירן נישט-פליסיגע מיסט און האלטן אונזער סטעיט אויף די רעלסן צו קענען ערגרייכן אונזערע אמביציעזע קלימאט ציהלן."

ריסייקלינג מארקעטס זענען פאר צו זיין וואקלדיג אין די פאראייניגטע שטאטן און איבער די גאנצע וועלט, און דאס איז גורם אז ריסייקלינג אפעראציעס זאלן זיך מוטשענען צו טרעפן פאסיגע מארקעטס פאר ריסייקלטע מאטעריאלן, שטערנדיג די ריסייקלינג באמיאונגען פון נישט-פליסיגע מיסט. גלאז איז צווישן די מערסטע וואגיגע באשטאנדטיילן פון די לאקאלע שטרוימען פון מיסט, און עס איז קאסטבאר צו פראצעסירן. ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו ארבעטן מיט די הויפט פארטייען וועלכע זענען פארמישט, אריינרעכענענדיג לאקאלע רעגירונגען, צו אויפקומען מיט וועגן צו אדרעסירן די שוועריגקייטן.

פראיעקטן וועלכע ווערן אונטערגענומען דורך די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס אין אלפרעד אוניווערסיטעט'ס צענטער פאר גלאז ערפינדונגען רעכענען אריין דאס נוצן מאטעריאלן וועלכע ווערן פראדוצירט פון ריסייקלטע אדער 'אָפּסייקלטע' אוועקגעווארפענע גלאז פון לאקאלע מיסט און פון אנדערע אינדוסטריאלע מיסט קוועלער צו בויען ווענט ארום דעם ים אין לאנג איילענד צו העלפן פארמיידן צוקונפטיגע פארפלייצונגען וועלכע ווערן אפטער צוליב וואקסנדע וואסער שטאפלען. ארבעט ווערט אויך געטוהן אין די קאלעדזש מיטן צומאלן גלאז צו ווערן ווי א פוידער צו גענוצט ווערן אין צעמענט/בעטאן צו

פארשטערקערן די בעטאן און פארמיידן שפאלטן אדער 'געשווילעכץ', מאכנדיג סטרוקטורן מער שטאנדהאפטיג דורכאויס עקסטרעמע וועטערן.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער בעזיל סעגאָוס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט אינוועסטירט צו טרעפן געלעגנהייטן צו ריסייקלען און איבערנוצן גלאז און צו נעמען א מער ענווייראמענטאל-פאראנטווארטליכע צוגאנג צו מיסט רעדוקציע. די באגייסטערנדע שותפות מיט NYSCC זעצט פאר ניו יארק'ס ארבעט אויף די פראנט פון אנטוויקלונג פון נייע ערפינדונגען צו רעדוצירן מיסט, אינוועסטירן אין ריסייקלינג אינפראסטרוקטור, שטופן פראדוקטן וועלכע זענען גרינגער צו ריסייקלט ווערן און שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס."

NYSCC האט א וועלט'ס-באקאנטע רעפוטאציע אין די פעלד פון גלאז וויסנשאפט און אינדזשענירונג, און עס איז די איינציגסטע מוסד אין די לאנד וואס אפפערט א דאקטאר דעגרי אין גלאז וויסנשאפט. זינט די NSCC'ס גלאז וויסנשאפט און אינדזשענירונג דעגרי איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 1932 האבן טויזנטע גראדואירטע סטודענטן געטראפן ערפאלגרייכע שטעלעס אויף די פראנט פון די אינדוסטריעס פון אנטדעקונג פון נייע מאטעריאלן, ארבעטן מיט גלאז און מעניופעקטשורינג.

**פרעזידענט פון אלפרעד אוניווערסיטעט, מארק זופען, האט געזאגט,** "אלפרעד אוניווערסיטעט איז די איינציגסטע העכערע בילדונג מוסד אינעם לאנד צו אפפערן גלאז אינדזשענירונג און וויסנשאפט פראגראמען פאר א בעטשעלאר'ס, מעסטערס און דאקטאר דעגריס. אונזערע גראדואירטע סטודענטן און איינגעשטעלטע זענען אויפגעקומען מיט ערפינדונגען ווי 'גארילע גלאז'; די גאר דויערהאפטיגע 'וועלאר גלאז' פלעשלעך וועלכע זענען גענוצט געווארן אין די דיסטריביּושען פון קאוויד וואקסינען; די מעגליכקייט צו אריבערפירן סיגנאלן דורך 'פייבער-אפּטיק' דראטן; און די מיטלען צו קענען 'פּרינטן' געביידעס אין D3 נוצנדיג ריסייקלטע גלאז. דורך די פירערשאפט פון די דיען פון אונזער Inamori אינדזשענירונג סקול, דר. גאבריעלא גאוסטאַד, זענען מיר שטאלץ און דאנקבאר צו ארייגגיין אין א שותפות מיט ניו יארק סטעיט צו פארבעסערן די מעגליכקייט צו קענען ריסייקלען גלאז — א וויכטיגע ציהל אין די ריכטונג פון שטופן פאר אחריות צו די ענווייראמענט אין די גאנצע וועלט און אזוי אויך צו ברענגען ערפינדונגען צו דינען מענטשן איבעראל."

**דיען פון די Inamori אינדזשענירונג סקול פון אלפרעד אוניווערסיטעט און וויצע פרעזידענט פון געזעצליכע אנגעלעגנהייטן, דר. גאבריעלא גאוסטאַד, האט געזאגט,** "אלץ א פארשערין פון ענווייראמענט-פאראנטווארטליכקייט און ריסייקלינג, איז די ארבעט גאר ספעציעל פאר מיר פערזענליך. איך בין אזוי באגייסטערט מיט די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט אויף ריסייקלינג און איבער-באנוץ פון גלאז ביז היינט, באזונדערס טייל פון די נייע באנוצן פאר צושטיקלטע גלאז וועלכע זענען נישט אין א גוטע צושטאנד וואס אונזערע גלאז וויסנשאפט סטודענטן פאר בעטשעלארס און מעסטערס דעגריס און איינגעשטעלטע האבן אנטוויקלט. פארברייטערן די ארבעט וועט ברענגען פילע געלעגנהייטן צו קענען פארגרעסערן די פארנעם פון די ערפינדונגען און צו אריבערפירן די טעכנאלאגיעס אין און ארויס פון ניו יארק סטעיט."

די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף ניו יארק סטעיט'ס נאענטע שותפות מיט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) צו אויפקומען מיט סטראטעגיעס וועלכע שטופן פאר מער ענווייראמענט-פאראנטווארטליכע פראצעדורן וויאזוי צו באהאנדלען מאטעריאלן. די DEC האט צוגעזאגט מער פון 20 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר ארבעט וואס איז שוין יעצט אונטערוועגנס אין די באפעלאו אוניווערסיטעט, אין NYSCC פון אלפרעד אוניווערסיטעט, סטאני ברוק אוניווערסיטעט און אין די קאלעדזש פון ענווייראמענטאלע וויסנשאפט און וואלד וויסנשאפט (College of Environmental

Science and Forestry) צו אויפקומען מיט נייע ערפינדונגען פאר רעדוקציע פון מיסט און צו מאכן ניו יארק מער שטאנדהאפטיג דורכאויס צוקונפטיגע שטערונגען אין די מארקעט.

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר זעצן פאר צו זעהן די וואקסנדע השפעות פון קלימאט טויש, איז דאס וויכטיג פאר אונז צו טרעפן ענווייראמענט-פאראנטווארטליכע וועגן צו ריסייקלען. די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס טוט געווי דאס דורכן נוצן ריסייקלטע גלאז אויף א מער ווירקזאמע וועג. איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול און די NYSDEC קאמישאנער בעזיל סעגאָס פאר זייער אינוועסטירונג אין די צענטער פון גלאז ערפינדונגען און פאר זייער אנגייענדע פאר פארשונג ערפינדונגען אריבער אלע אונזערע SUNY קאמפוסן צו טרעפן ענווייראמענט-פאראנטווארטליכע לייזונגען פאר ניו יארק סטעיט'ס ענווייראמענטאלע פראבלעמען היינט און אין די צוקונפט."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָוסעף גיגליאָו האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך צו זעהן אז די גאווערנער פינאנצירט די פארשונג ערפינדונגען פראגראם'ס פארברייטערונג ביי די ניו יארק סטעיט קאלעדזש אָוו סערעמיקס אין אלפרעד אוניווערסיטעט. עס איז וויכטיג אז זיי זאלן פארזעצן צו נוצן אלע מיטלען וועלכע זענען דא צו אויפקומען מיט נייע טעכנאלאגיעס און פראצעדורן. די 2.5 מיליאן דאלארדיגע פארברייטערונג וועט צושטעלן נאך געלעגנהייטן פאר הצלחה פון אלפרעד'ס פארשער אין די רייסקלינג און איבער-באנוץ פון גלאז אין נייע, סטראטעגישע וועגן וועלכע וועלן פארבעסערן די לעבנס פון מענטשן אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט און ווייטער."

באדייטנד פארשטערקערנדיג די באמיאונגען צו ריסייקלען נישט-פליסיגע מיסט אויף א מער ווירקזאמע וועג — האט גאווערנער האקול'ס עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023-24 פארגעשלאגן דעם 'מיסט רעדוקציע און ריסייקלינג געזעץ' ( Waste Reduction and Recycling Infrastructure Act, WRRIA) צו באהאנדלען ריכטיגערהייט און רעדוצירן מיסט אריבער די גאנצע סטעיט. די אינציאטיוו וועט פארמערן ריסייקלינג ראטעס, עס וועט איינשפארן צענדליגע מיליאנען דאלארן פאר לאקאלע רעגירונגען יערליך – א געשאצטע 150 מיליאן דאלאר אין ניו יארק סיטי אליין – און עס וועט באשיצן די ענווייראמענט. אין 2021 האט עס געקאסט פאר ניו יארק סיטי איבער 400 מיליאן דאלאר צו ריסייקלען פעקלעך און געדרוקטע פאפיר, און אפילו קלענערע לאקאלע רעגירונגען ווי וועסטשעסטער קאונטי (4.6 מיליאן דאלאר), סירעקיוס (2.9 מיליאן דאלאר) און נארט טאָנעוואַנדע (1.1 מיליאן דאלאר) האבן גאר הויכע ריסייקלינג קאסטן וועלכע קענען באדייטנדע פארקלענערט ווערן דורך דעם נייעם פראגראם.

דער WRRIA וועט איינשפארן פאר ניו יארקער הונדערטע מיליאנען דאלארן יעדעס יאר דורכן אריבערפירן די אחריות פאר ריסייקלינג צו פראדוצירער אנשטאט שטייער-באצאלנדע בירגער. דער פראגראם פאדערט פון פראדוצירער צו אנטוויקלען, פינאנצירן און איינפירן א פראגראם צו אפנעמען באקוועמערהייט פאר זייערע קונדן און ריסייקלען פעקלעך און פאפירענע פראדוקטן — די מאיאריטעט פון וועלכע זענען מאטעריאלן וועלכע קענען ריסייקלט ווערן. דער געזעץ וועט אוועקשטעלן אגרעסיווע מינימום ריסייקלינג ראטעס, ראטעס פון זאמלונג, ראטעס פון ריסייקלטע אינהאלט נאכן געקויפט ווערן און מקור רעדוקציע ראטעס פאר פראדוצירער צו נאכקומען, און אזוי אויך צו אוועקשטעלן אינפארסירונג געזעצן און שטראפן פאר פארלעצונגען. עס שטיצט אויך פינאנצירונג פאר אינפראסטרוקטור און אויפקלערונג, העלפנדיג מאכן ריסייקלינג גרינגער און וויניגער צומישנד.

די DEC האט לעצטנס פארעפנטליכט די ערשטע נוסח פון די *New York State Solid Waste Management Plan: Building the Circular Economy Through Sustainable Materials Management (ניו יארק סטעיט נישט-פליסיגע מיסט באהאנדלונג פלאן: בויען די 'רעדל' עקאנאמיע דורך ענווייראמענט-פאראנטווארטליכע מאטעריאלן באהאנדלונג)* צו איבערגעקוקט ווערן דורך די פובליק און אויסהערן קאמענטארן. די פלאן לייגט אלץ פריאריטעט צו שטופן פאר א 'רעדל' עקאנאמיע און פאר

אינציאטיוון צו פארמיידן שאדן צו די ענווייראמענט און עקאנאמישע פארלוסטן דורכן מינימיזירן מיסט און פארזיכערן אז ווערטפולע מאטעריאלן זעצן פאר זיך צו ארומדרייען אין די עקאנאמיע. א 'רעדל" עקאנאמיע העלפט היטן אויף נאטורליכע קוועלער, עס רעדוצירט ענערגיע באנוץ, פארמיידט לופט פארפעסטיגונג, רעדוצירט שעדליכע גאז עמיסיעס און באשיצט די געזונטהייט פון קאמיוניטיס, באזונדערס קאנצעטרירט אויפן אדרעסירן די אומאקצעפטירבארע אומיושר'דיגע לאסט אויף שוואכערע קאמיוניטיס. די ערשטיגע נוסח פון די פלאן איז פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל און קאמענטארן פון די פובליק וועלן אנגענומען ווערן ביז מאנטאג, מאי 15.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן